# לויט די קאָרטן (פּיעסע)

## מינדל רינקעוויטש

**פּאַרשוינען:**

**די מאַמע**
**איר ייִנגעלע**
**דאָס ייִנגעלע ווי אַ דערוואַקסענער לעבן געבליבענער**
**אַלטע ציגײַנערין**
**ערשטע יונגע ציגײַנערין**
**צווייטע יונגע ציגײַנערין**

**ערשטע סצענע**
די צײַט: 1938
דאָס אָרט: אַ וואַרשעווער גאַס
בעת דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך: גייען די מאַמע מיט איר ייִנגעלע איבער דער גאַס. מיט אַ מאָל באַווײַזן זיך די אַלטע ציגײַנערין מיט דער ערשטער יונגער ציגײַנערין.

ערשטע יונגע ציגײַנערין. **לאָזט פֿאָרויסזאָגן אײַער ייִנגעלעס מזל, מאַדאַם.**

מאַמע. (אַ ביסל איבערראַשט. טוט מאָמענטאַל אַ טראַכט) **נו גוט. פֿאַרוואָס נישט?**

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (ציט אויס די האַנט צום קינד) **גיב אַ האַנט, ייִנגעלע.**

ייִנגעלע. (ער טוט אַ טריט אויף צוריק, באַהאַלט די הענט הינטער זיך)

ערשטע יונגע ציגײַנערין. **אַזוי קען איך דאָך נישט.**

ייִנגעלע. (היציק, פֿאַרביסן) **כ׳וויל נישט אַז די ציגײַנערין זאָל זיך אָנרירן אין מיר.**

(מאָמענט פֿון שאָקירטן שווײַגן)

מאַמע. (צום ייִנגעלע אין ווידער אַ שטרענגן טאָן) **די מינוט זאָלסטו זיך אַנטשולדיקן און געבן אַ האַנט.**

ייִנגעלע. (אין אַ שטילן נאָך אַלץ פֿאַרביסענעם טאָן) **אַנטשולדיקט.** (שטרעקט פּאַמעלעך אויס די האַנט.)

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (לעבעדיק, פּרוּווט ענדערן די אָנגעשטרענגטע שטימונג. נעמט אים אָן די האַנט און באַטראַכט די דלאָניע) **לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן וואָס דאָ איז. זע נאָר, די ליניע פֿון לעבן איז בײַ דיר גאָר אַ לאַנגע.** (די קוקט אים ווײַטער אין האַנט, נעמט זיך צײַט, זעט אויס צו זײַן אַ ביסל פֿאַרוווּנדערט. עס איז קלאָר אַז דער ענין האָט מיט אַ מאָל אַרויסגערופֿן בײַ איר גרויס אינטערעס. זי ווענדט זיך צו דער מאַמען) **ער וועט געוויס האָבן יאָרן און פֿירן אַן אינטערעסאַנט לעבן. עס וועט פֿון אים ווערן גאָר אַן אַנדערער.**

מאַמע. (גוטמוטיק, פּרוּווט נאָכקומען דער ציגײַנערין. מע זעט אַז זי נעמט עס נישט ערנסט.)
**הייסט עס אַז עס וועט פֿון אים אַרויסקומען אַן אָנגעזעענער מענטש?**

אַלטע ציגײַנערין. **עס קען אַזוי זײַן.**

מאַמע. **און ער וועט האָבן יאָרן?**

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (אַ ביסל נישט זיכער) **ער וועט זיכער איבערלעבן די נאָענטע זײַנע.**

(די מאַמע גיט איר אַ מטבעה)

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (כאַפּט אַ קוק אויף דער מטבעה. דייער צופֿרידן) **אַ שיינעם דאַנק אײַך, מאַדאַם.**

מאַמע. **נו פֿײַן.** (צום יִנגעלע) **דאַנק שיין.**

יִנגעלע. (פֿאַרביסן) **אַ דאַנק.**

מאַמע. (בייז) **האָסט פֿאַרגעסן ווי מען שמייכלט?**

אַלטע ציגײַנערין. **ער האָט דאָך געזאָגט אַ דאַנק. עס וועט שוין גוט זײַן.**

מאַמע. **עס איז אָבער נישט גוט.** (פֿאַרטראַכט זיך אַ רגע) **דאָס קעגנגעפּיל זײַנס צו אײַך — אַזוי האָב איך אים דערצויגן? מיר זײַנען דאָך עפּעס סאָציִאַליסטן. איך ווייס נישט פֿון וואַנען דאָס נעמט זיך צו אים.**

אַלטע ציגײַנערין. **פֿון וואַנען? פֿון דער לופֿט. מען זאָגט אויף אונדז אַז מיר כאַפּן קינדער איז אַוודאי האָט ער מורא.** (פּויזע.) **מיר האָבן קוים גענוג אויף צו געבן עסן אונדזערע אייגענע קינדער.**

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (קאָכט זיך) **מע דערציילט אויף אונדז אַזאַ מעשׂה — אַז מיר פֿאַררופֿן זיי צו צירקן זיי זאָלן דאָרט ווערן קונצן-מאַכער. אַזאַ אידיִאָטסווע! פֿון וואַנען ווייסט מען צי אַ קינד טויג זיך אויס צו דעם? זיי נעמען דאָך נישט יעדן. ווען עס זאָל אונדז אַפֿילו אײַנפֿאַלן אַזעלכעס צו טאָן, וואָלטן מיר דאָך גיכער געפּרוווט געבן אונדזערע אייגענע פֿעִיקע קינדער אַ מעגלעכקייט זיך אַזוי אַרום צו עפּעס דערשלאָגן? נאָך וואָס דאַרפֿן זיי אַזוי רעדן?**

מאַמע. (זיפֿצט) **און וואָס רעדט מען אַלץ אויף אונדז יִדן? אַז מיר הרגענען קינדער — אַז מע נעמט אַ קינד און מע דערהרגעט עס — שטעלט אײַך פֿאָר — און אַז מיר באַנוצן זיך מיט זייער בלוט אויף פּסח —**

ערשטע יונגע ציגײַנערין. **נאָך בעסער. שיינע מעשׂיות אַלע ביידע.**

אַלטע ציגײַנערין. **פֿאַרצײַטנס האָבן מענטשן געגלייבט אין וואַמפּירן מיט מכשפֿות וואָס פֿאָרן רײַטנדיק אויף בעזעמער. די צײַטן ענדערן זיך; ענדערן זיך די מעשׂיות אויך. בלויז די מענטשן בלײַבן די אייגענע. הײַנט צו טאָג זײַנען מיר פֿאַר זיי געפֿאָרן וואַמפּירן מיט מכשפֿות וואָס זויגן זייער בלוט און פֿאַרפֿינצטערן זיי דאָס לעבן.**

מאַמע. **איר זענט, זע איך, זייער אַ קלוגע פֿרוי, אָבער די מעשׂיות קענען זיך יאָ ענדערן. אָט בין איך אַ סאָציִאַליסטקע. איך מיין אַז די מענטשהייט איז פֿאַרביטערט ווײַל דאָס לעבן איז אַזוי שווער. עס קומען פֿאָר ענדערונגען וואָס וועלן זיי געבן די מעגלעכקייט צו לעבן אָנשטענדיק. עס האַלט שוין דערבײַ. אָט באַלד וועלן אַלע מענטשן זײַן ברידער.**

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (צעלאַכט זיך אויפֿן קול. אַלע קוקן די אָן.) **נישט לויט מײַנע קאָרטן, מאַדאַם.**

מאַמע. (אײַנגעהאַלטן, כאָטש מען זעט אַז די איז אופּגערעגט) **צי גלייבט איר בכלל נישט אַז עס קען ווערן בעסער?**

ערשטע יונגע ציגײַנערין. **אַז מע זעט עס פֿאַר די אויגן גלייבט מען אין דעם.** (ברוטאַל) **איר ווילט מיר זאָגן אַז בײַם איצטיקן מאָמענט האַלטן אײַערע יִדן בײַ פֿאַרברידערן זיך מיט דער גאַנצער וועלט?**

(די מאַמע לאָזט אַראָפּ די אויגן. די אַלטע ציגײַנערין טוט בייז אַ קוק אויף דער ייִנגערער.)

אַלטע ציגײַנערין. (רעדט צאַרט צו דער מאַמען) **איך ווייס אַז עס האָבן זיך אָנגערוקט שווערע צײַטן אויף אײַך מיט אײַער פֿאָלק.** (פּויזע) **איר פֿאַרשטייט, אײַער אומגליק איז וואָס אײַך האָט זיך פֿאַרוואָלט דווקא דאָס וואָס יעדערער שטרעבט צו דעם צוצוקומען; די אָנגעזעענסטע פּאָסטנס, די שענסטע קליידער.**

מאַמע. (שלאָגט די איבער) **די שענסטע קליידער נייען מיר דאָך אויף. טאָרן מיר נישט גיין אין זיי?**

אַלטע ציגײַנערין. (ווייך) **איך פֿאַרגין איך נאָר עס דאַרף זײַן מיט אַ מאָס. איר מוזט געפֿינען אַ וועג זיך נישט צו וואַרפֿן אין די אויגן, אַזוי ווי מיר. קיינער וויל נישט דאָס וואָס מיר פֿאַרמאָגן. ווער וויל דען ווערן אַ קאָרטן-וואַרפֿער?**

מאַמע. **און אַז מע ווערט געבוירן מיט אַ שיטקל טאַלאַנט? און אַז מען איז בכּוח אַזעלכעס צו באַווײַזן וואָס וועט זיך יאָ וואַרפֿן אין די אויגן?**

אַלטע ציגײַנערין. **מײַנעט וועגן מעגט איר דאָס באַווײַזן, געזונטערהייט. מיך אַרט עס נישט. איך מיין נאָר אײַער גוט מיט אײַער קינד!**

(ביידע פֿרויען ציִען ספּאָנטאַן אויס די הענט און נעמען זיך אַרום.)

מאַמע. **איך ווייס אַז איר רעדט פֿון גאַנצן האַרצן.**

(נעמט אָן איר קינד פֿאַר די האַנט. זיי נעמען פּאַמעלעך אַוועקגיין.)

אַלטע ציגײַנערין. (שרײַט זיי נאָך) **לאַנג לעבן זאָלט איר!**

(מאַמע און ייִנגעלע אָפּ)

ערשטע יונגע ציגײַנערין. **דאָס וואָס איך האָב געזען אויף דעם קינדס האַנט איז אַזוי משונה מאָדנע. אַלץ קומט מיר לעצטנס אויס משונה מאָדנע. עס וואַרפֿט אָן אַ שרעק.**

אַלטע ציגײַנערין. **איז היט זיך פֿאַר דײַן שרעק. קוק נישט אין די קאָרטן פֿאַר זיך ביז עס וועט נעמען ווערן בעסער.**

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (פּראָוואָצירנדיק) **און דיר דאַכט זיך אויס אַז עס וועט אין גיכן נעמען ווערן בעסער.**

(אַלטע ציגײַנערין קוועטשט מיט די פּלייצעס. עס גייט פֿאַרבײַ אַ מאַנספּאַרשוין)

ערשטע יונגע ציגײַנערין. (קומט אים פֿלינק אַנטקעגן) **לאָזט זיך פֿאָרויסזאָגן דאָס מזל.**

פֿאָרהאַנג

**[טאָמער וואָלט איר געוואָלט ווײַטער לייענען די איבעריקע סצענע פֿון דער פּיעסע, שרײַבט אויפֿן דאָזיקן בליצפּאָסט-אַדרעס:** sholemberger@hotmail.com **. אַ דאַנק פֿאַרן אַרויסזאָגן אײַער פֿאַרלאַנג!]**